# Digitales Brandenburg

## hosted by Universitätsbibliothek Potsdam


# Dos karge baḥur'l miṭ nokh fiyer naye folḳs lieder

**Linetzky, Isaac Joel**

**Ṿarsha, 662 = 1902**

עֶלעֶגִיוו סאָד

urn:nbn:de:kobv:517-vlib-12853

Visual Library

# דאס וויגעלע

---

אַ מוטער פערוויינט איהר קינד מעל:עס פֿס תייפס גאכין
פאטער'ס נאמען וואס איז ביים אויזא:נער געשטארבען.

1

פערשליעס שוין דיינע אויגען
אונ הער אויף צו וויינען ,
מיין חיות האסט דיא פון מיר געצויגען
מיט דיינע טרעהנען ,
דיין פאטער האב איך שוין אנגעוואהרען
אין קבר איז שוין זיין גייסט
אך , מיין וועלט איז שוין פערלאהרען
אין דיר אליין איז נאר מיין טרייסט ...

דאס קאָר נאך יעדען קופּלעט.

שלאף , שלאף מיין קינד ! שלאף ,
איך האב שוין גענוג מיין שטראף ...

2

האסט אפען דיא אויגען צום הימעל
אין מיטען דער נאכט ,
עמסט נישט אויף זייא קיין דרימעל
זאג וואס דיר דאכט ,
שטעהט ניט דיין פאטער פאר דיר ,
זעהסט דיא ניט זיין שאטען אויף דיא וואנט ,
נאר שטעלט זיך דען פאר וואס מען זעהט ניט פריר ,
דיא האסט דאך איהם גאר ניט געקענט ...

3

לָאז מִיךְ דֶענְקֶען אִין מֵיין שְׁפֶּעטְ'ן
אַךְ, לָאז מִיךְ רִיהְעֶן,
עֶס פְלַאטֶערְט אִין מִיר מַיין הֶערְץ
דִיא גֶעדַאנְקֶען פְלִיהֶען,
וֶוען דַיין פָאטֶערְס בִּילְד פַאר מִיר שְׁוֶועבְּט
זָא וֶוער אִיךְ שׁוֹין פִיעל מִיט פְרֵייד
אִיךְ פֶערְגֶעס אִין זַיין טוֹיט. אִיךְ מֵיין עֶר לֶעבְּט
מִיהסְט דִיא נָאר אַיין וֵויין עֶרְוֶועקְסְט דִי מַיין לֵייד,

4

וִויא אַ צְוַוייגֶעלֶע וָואס שְׁוִוימְט אוֹיף דֶעם מֶעער
טוּה דָאס נָאר אַפְּרֶעג,
אִיז פַאר דֶעם גָאר נִיט צוּ שְׁוֶוער
דָא צוּ גֶעהְן זַיין וֶועג.—
אָבֶּער מִיר, קֶענֶען דָאס וִויסֶען
אַז עֶס וֶועט זִיךְ שׁוֹין זַיין וֶועלְט בֶּעמִיהֶען,
פוּן זַיין בּוֹים אִיז דָאס אָפְּגֶערִיסֶען
נָאךְ אֵיין מָאל וֶועט עֶס שׁוֹין נִיט בְּלִיהֶען!...

5

דַיין הָאפְנוּנְג אִיז שׁוֹין אוֹיךְ פֶערְלָאהְרֶען,
אוּמְזִיסְט אִיז דַיין מִיה,
צוּ דִיא חֲוָואלִים פוּן דֶער וֶועלְט בִּיסְטוּ גֶעבָּאהְרֶען
וֶועסְט נִישְׁט הָאבֶּען קַיין רִיה,
פוּן דַיין בּוֹים בִּיסְט דִיא שׁוֹין אָפְּגֶעשְׁנִיטֶען
גֶעפִינְסְט שׁוֹין דַיין פָאטֶער נִיט מֶעהר,
שְׁטֶעהְסְט דָא אִין טַייךְ אוּנ טְרֶענְקְסְט זִיךְ אִין מִיטֶ'ן
דִיךְ צוּ רֶעטֶען אִיז מִיר צוּ שְׁוֶוער,

6

וָואס קוּמְט שוֹין אַרוֹיס דֶער מוּטֶער ?
וָואס מַאכְט דָאס נָאר אוֹיס ?
אַז דָאס קִינְד הֵייסְט שוֹין נָאכִין פָּאטֶער
אִיז דֶער וֵוייטִיג נָאךְ גְרוֹיס ;
אַז מֶען פֶערְזֶעהט אִין דֶער עֶרְד אַיין זָאמֶען
וֶוערְט דָאס חָאטְש מִיט זַיין זַאנְג גֶעהֶעלְט ,
אוּנ אַז אִיךְ רִיעף דָאס קִינְד אַךְ ; מִיט זַיין נָאמֶען
זֶעה אִיךְ עֶרְשְׁט אַרוֹיס וָואס מִיר פֶעהלְט ; ...

7

וִויא אַיין אַלְטֶער בוֹים נָאךְ מִיט 1 בְּלַאט
וָואס עֶר שְׁטֶעהט בַּייא דֶעם טַאךְ
עֶר שְׁפִּיעגֶעלְט זִיךְ דִיא יוּגֶענְד וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט
אִין דֶעם וַואסֶער גְלַייךְ
צוּ דֶעם בוֹים בִּין אִיךְ הַיינְט גֶעגְלֶעכֶען
מַיין הָאפְנוּנְג אִיז פֶערְלָאהרֶען פִין גָאט ;
צוּ מַיין שְׁמֶערְץ אִיז גֶעבְּלִיבֶען אַ צֵייכֶען
דָאס אִיז מַיין קִינְד דֶער לֶעצְטֶער בְּלַאט ; ...

# דִיא מָארֶע

1

קוּמְט אַהֶער צוּ מֶענְשֶׁען אִין דֶערְוֶועקְט אַ קְלָאג !
אוֹיף הַיינְטִיגֶער וֶועלְט אִיז גֶעבִּיךְ אַזַא פְּרָאג !